## בס"ד. "יחידות" לחתנים וכלות שיחיו

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

**כ"ד כסלו ה'תשמ"ח:**

דער אויבערשטער זאל בענטשן און מצליח זיין יעדערן פון אייך, אז די הכנות צו דער חתונה, און די חתונה אליין, און די אריכות ימים ושנים טובות לאחרי זה, זאל זיין מיט א הצלחה מופלגה,

אין א אידישן אופן, און אין א הצלחה'דיקן אופן און אין א חסידישן אופן, סיי בגשמיות סיי ברוחניות, סיי בגשמיות וברוחניות גם יחד.

זאל אזוי זיין (ווי געזאגט פריער) די הכנות אויף גרייטן זיך צו אויפשטעלן א בית בישראל, בנין עדי עד על יסודי התורה ומצוותי', בנים ובנות עוסקים בתורה ובמצוותי',

און אויך באווייזן א לעבעדיקן ביישפיל, דורך דער אויפפירונג פון דער הויז און פון **דער** חתן-כלה, פאר די אלע אידן וואס געפינען זיך ארום אייך, כדי זיי זאלן אויך זען, אפילו בעיני בשר, עאכו"כ ווי א איד זעט דורך עינים פון אהבת ישראל און אחדות ישראל - ווי אזוי איין איד ווירקט אויף אידן ארום זיך, אז מ'שטעלט אלע צוזמען דעם "בית ישראל" א "בנין עדי עד", דורך אויפפירן זיך אין א תורה וואס זי איז א "תורת עולם" און א תורה נצחית, ווארום דאס איז אלץ געגעבן געווארן דורך דעם אויבערשטן, "אלקי עולם".

ובמיוחד, ווי דערמנט פריער, אז מ'גרייט זיך דאך, און דערנאך האט מען די נישואין עצמם, און די שבעת ימי הנישואין, און די טעג און חדשים און יארן לאחרי זה - על יסודי התורה והמצוה -

ווערט דאך מקויים בפשטות אז "בחוקותי תלכו" בפשטות "ואת מצוותי תשמרו" בפשטות - "ונתתי גשמיכם בעתם", ווי דער בעש"ט טייטשט דאס אפ, אז אפילו די **גשמיות** איז בעתם, עאכו"כ - די **רוחניות**,

**כ"ף כסלו ה'תשמ"ט:**

ובמיוחד אז ס'איז דאך נתפשט געווארן דער מנהג, אז חתן-כלה, און די נאענטע זייערע, איז ביום החתונה (ביום החופה) זיינען זיי נאכמערער מוסיף אין די נתינות לצדקה,

ביז וואנענט אז דאס ווערט ניט נאר א **הוספה**, נאר דאס ווערט א צדקה **עיקרית**, און פועל'ט ווי בלשון התניא "יחוד זה למעלה הוא נצחי לעולם ועד",

און אין דעם ענין ווערט דאס גלייך נתגלה למטה, וכמדובר - אז ס'וועט שוין אין די ברכות אנגערופן א "בנין עדי עד".

זאל מען מאכן אט די אלע הכנות מתוך שמחה וטוב לבב, און אזוי אויך מתוך שמחה וטוב לבב פון כלל ישראל, עאכו"כ פון די בני המשפחה, אנהויבנדיק פון די עלטערן און באבעס און זיידעס.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויצא

און גרייטן זיך אלע צוזאמען צו דער "חתונה" הכללית, ווי ס'שטייט אין מדרש, אז ביז איצטער איז געווען "**אירוסין**" פון דעם אויבערשטן מיטן אידישן פאלק, ובגאולה האמיתית והשלימה וועט זיין "**נשואין**" בתכלית השלימות, ו"כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" און נאכמערער.

**כ"ו תשרי תשמ"ח:**

כולל אויך אז דאס וועט אויך מוסיף זיין אין צוהיילן די ברכה וואס מ'זאגט אין די שבע-ברכות, אז "מהרה ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים . . קול חתן וקול כלה",

אז אט דער "קול חתן וקול כלה" וואס איר האט זוכה געווען און משמח געווען דעם גאנצן אידישן פאלק און אייערע עלטערן און זיך אליין - זאל דאס זיין א הקדמה קרובה אז מהרה, אז גאר אינגיכן, זאל געהערט ווערן "קול חתן וקול כלה בערי יהודה ובחוצות ירושלים", אין די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

וואס אויך דער עצם קיום פון איינע פון די גרעסטע מצוות פון א חתונה בישראל, א בנין עדי עד - היילט נאכמערער צו די אלע ברכות פאר דעם גאנצן אידישן פאלק, די ברכה העיקרית, האמורה, וועגן גאולה האמיתית והשלימה.

און פון דעם טאנצן און זיך משמח זיין ביי אייער חתונה - זאל מען זיך אויך בקרוב ממש טאנצן און משמח זיין בא דער שמחה פון כלל ישראל, פון גאולה האמיתית והשלימה,

אויף וועלכע מ'זאגט אויך אז צדקה איז **מקרבת** את הגאולה און **מזרזת** את הגאולה,

וואס דאס איז דאך אויך פון די טעמים וואס מ'מאכט יעדערן פון אייך פאר א שליח-מצוה, ובפרט אין דעם גליקלעכן טאג פון דער חתונה, "בנין עדי עד".

און דאס זאל נאכמערער צוהיילן די אלע זאכן, און נאכמערער צוגעבן אין די אלע ברכות,

און הערן פון אייך בשורות טובות כל הימים.

זאל זיין די חתונה בשעה טובה ומוצלחת, א בנין עדי עד, בנים ובנות עוסקים בתורה ובמצוות'.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.